
מױשע קולבאק
זעלמעניאַנער
צענטראַלער פעלקער-פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר.
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק — 1931


משה קולבאק
מאנטיק.
פארלאג. קולטור-ליגע ווארשע.




מױשע קולבאק
זעלמעניאַנער

# משה קולבאַק 1937-1896

משה קולבאַק, אַ געבוירענער אין סמאָרגאָן (ווײַסרוסלאַנד), איז געווען אַ פּאָעט, אַ ראָמאַניסט און אַ דראַמאַטורג. זײַן ווערק שפּיגלט אָפּ עסטעטישע עקספּערימענטן כאַראַקטעריסטישע פֿאַר דער תּקופֿה צווישן בײדע וועלט־מלחמות און דריקט גלײַכצײַטיק אויס דעם מחברס אײגנאַרטיקן קוק אויף דער רעאַליטעט. זײַנע פֿערזן טראָגן דעם שטעמפּל פֿון אַ באַזונדערער באַציִונג צו דער ווײַסרוסישער דאָרפֿישער לאַנדשאַפֿט, מיט וועלכער דער פּאָעט — אָדער זײַנע העלדן — זענען אַזוי שטאַרק פֿאַרבונדן, אַז זיי ווילן אַ מאָל ווערן אײנס מיט דער ערד, די שטײנער און די וועלדער. ער דעפֿינירט זיך אַלײן ווי אַ „דעמב אין פֿראַק". קולבאַקס אָריגינעלקייט באַשטייט דאָ אין דעם, וואָס ער באַשענקט זײַנע ייִדישע העלדן מיט אַן אויפֿפֿירונג און לײַדנשאַפֿטן וואָס ווערן טראַדיציאָנעל צוגעשריבן ניט־ייִדישע פּויערים: פּשוטע געדאַנקען, אַ דירעקטן שײַכות צו דער ערד, דאָס פֿאַרלאָזן זיך אויף סטיכישע אינסטינקטן, שטאַרקע תּאוות. בעת זײַן גרונטלייגערישער בערלינער תּקופֿה (1923-1920), ווען ער קומט אין באַרירונג מיט אַלע אַוואַנגאַרדן, שרײַבט ער אָן די פּאָעמע „רײַסן", וואָס איז דער בעסטער בײַשפּיל פֿון אָט דעם אָריגינעלן באַנעם. נאָכן אומקערן זיך אין ווילנע ווײַזט ער אַרויס, אין צוויי עקספּרעסיאָניסטישע ראָמאַנען, אַן אינטערעס פֿאַר מאַרגינאַלע געשטאַלטן, ווי בעטלער און תּמען, אין אַן אַלגעמײנער שטימונג פֿון וועלט־אונטערגאַנג. נישט געקוקט אויף זײַן גרויסער פּאָפּולערקייט אין ווילנע, באַשליסט קולבאַק אַוועקצופֿאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, און זיך צו באַזעצן אין מינסק (1928). זײַן סטיל, וואָס פּאַסט זיך ניט צו צו די פֿאָדערונגען פֿון דער סאָוועטישער עסטעטיק, ווערט דיסטאַנצירטער און סאַרקאַסטישער: סײַ ווען ער איז אַלײן דער אָביעקט פֿון דער איראָניע (ווי אין דער פּאָעמע „דיסנער טשײַלד האַראָלד", געווידמעט זײַנע בערלינער איבערלעבונגען), סײַ ווען ער באַשרײַבט די נײַע סאָוועטישע רעאַליטעט (ווי אין זײַן מײַסטערישן ראָמאַן זעלמעניאַנער, 1935-1931, ווו ער מאָלט מיט אַ סך הומאָר די אוממעגלעכע סאָוועטיזאַציע פֿון אַ ייִדישער משפּחה אין מינסק).

ער ווערט דערשאָסן אין אָקטאָבער 1937.

אַרנאָ ביקאַר

# Moyshe Kulbak 1896-1937

Né à Smarhon en Biélorussie, Moyshe Kulbak est un poète, romancier et dramaturge dont l'œuvre reflète les expérimentations esthétiques de l'entre-deux-guerres tout en exprimant avec constance une vision personnelle de la réalité. Ses vers portent la marque d'un rapport unique à la campagne biélorusse à laquelle le poète, ou ses personnages, sont liés par un lien si étroit qu'ils aspirent parfois à fusionner avec la terre, les pierres, les forêts. Ne se définit-il pas comme un « chêne vêtu d'un frac » ? En ceci Kulbak a une vision novatrice, faisant adopter à ses héros juifs des comportements et des sentiments associés aux paysans non juifs : une pensée balbutiante, un rapport direct à la terre, une confiance dans les instincts élémentaires, des passions puissantes. Lors de son séjour fondateur à Berlin de 1920 à 1923, pendant lequel il est exposé à toutes les avant-gardes, il compose son long poème « Raysn » (Biélorussie) où cette vision s'incarne le mieux. Après son retour à Vilnius, il montre dans deux romans expressionnistes son goût pour les figures marginales de mendiants et de simplets dans une atmosphère de fin du monde. Malgré sa grande popularité dans la ville, il décide de partir à Minsk, en URSS, en 1928. Loin de se plier aux exigences de l'esthétique soviétique, son écriture se fait alors plus distanciée et grinçante, qu'il soit lui-même l'objet de son ironie, comme dans le « Disner Tshayld Harold » (Le Childe Harold de Dzisna, 1933), long poème qui relate son aventure berlinoise, ou que ce soit les nouvelles réalités soviétiques qui en fassent les frais, comme dans son chef-d'œuvre romanesque *Zelmenyaner* (Les Zelminiens, 1931-1935), où est dépeinte avec humour l'impossible soviétisation d'une famille juive de Minsk.

Il est fusillé en octobre 1937.

*Arnaud Bikard*